# פרשת נח כ"ח תשרי – ד' חשון תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת נח***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שמשון שפיצער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** תורה פארציילט די וואך אין די פרשה, אז נח איז געווען א איש צדיק תמים בדורותיו, את האלקים התהלך נח. אינעם גאנצן דור איז געווען נאר איין משפחה, נח מיט זיינע קינדער, וואס האבן זיך געהאלטן ערליך. און עס איז באמת א געוואלדיגער חידוש, ווי אזוי עס האט געקענט אין אזא דור המבול, בלייבען איין משפחה אליין, וואס האט נישט געהאט א חברותא, מיט וועם מען זאל האבען א שייכות. נישט נאר נח איז געווען א צדיק, נאר אפילו זיינע קינדער זענען אלע געווען ערליך, אז זיי זענען געווען ראוי אז זיי זאלן ניצול ווערן פונעם מבול, מוז דאך זיין עפעס א כח וואס איז געווען אין נח, וואס האט אים געגעבן די מעגליכקייט אז ער זאל קענען האלטן זיין שטוב אין אזא דור.

**דאס** זעלבע געפונט מען ביים חטא העגל. אלע יודען זענען נכשל געווארן אינעם חטא העגל, נאר איין שבט, שבט לוי, זענען נישט נכשל געווארן ביים חטא העגל. ווען משה רבינו האט געזאגט, מי לה' אלי (שמות לב-כו) האט זיך נאר שבט לוי צוגעשטעלט צו משה רבינו, און זיי האבען עומד געווען אינעם נסיון פונעם חטא העגל. און דארט שטייט יא א הסבר, פארוואס שבט לוי איז נישט נכשל געווארן אינעם חטא העגל. די תורה זאגט אויף שבט לוי, האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו, ואת אחיו לא הכיר, ואת בניו לא ידע, כי שמרו אמרתך ובריתך ינצורו (דברים לג-ט), און רש"י טייטשט אז ער רימט שבט לוי מיט צוויי זאכען. איינס, כי שמרו אמרתך, דאס גייט ארויף אז זיי האבען אפגעהיט לא יהיה לך אלהים אחרים (שמות כ-ג). ווען מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, האבען זיי נישט געקוקט אויף א טאטע און א מאמע, און זיי האבען גע'הרג'ט וועם מען דארף הרג'ענען. ובריתך ינצורו, זאגט רש"י אז דאס גייט ארויף אז אין מדבר האבען זיך יודען נישט געמל'ט, אבער שבט לוי האט זיך געמל'ט אויך אין מדבר. כאטש עס איז געווען א סכנה זיך צו מל'ן אין מדבר, ווייל עס איז נישט געווען א רוח צפונית, האבען זיי נישט געקוקט, און זיי האבען זיך געמל'ט.

**קומט** אויס, אז שבט לוי איז געווען די איינציגסטע וואס האבען מקיים געווען מצות מילה אינעם מדבר. מצות מילה דאס געבט א כח פאר א יוד אז מען זאל זיך קענען האלטן בקדושה. די ערשטע זאך וואס מען טוט מיט א קינד איז, אז מען מל'ט אים ביי די אכט טאג, און מיט דעם לייגט מען אריין א חותם דקדושה אינעם קינד, אז דאס קינד זאל זיך קענען האלטן ערליך מיט מסירת נפש וואס עס פעלט אויס. כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כד) גייט ארויף אויף מצות מילה (גיטין נז:). אלע יודען אין מדבר וואס האבען זיך נישט געהאט געמל'ט, און זיי האבען נישט געהאט די קדושת המילה, האבען זיי נישט געקענט עומד זיין ווען עס איז געקומען א נסיון, אבער שבט לוי איז יא געווען כי שמרו אמרתך. פארוואס האבען זיי זיך געקענט אפהיטן און נישט נכשל ווערן, ווייל ובריתך ינצורו, זיי האבען געהאט די קדושת המילה, און די קדושת המילה האט זיי געהאלפן אז זיי האבען געקענט ביישטיין די נסיונות.

**כאטש** מצות מילה איז ערשט געגעבן געווארן שפעטער ביי אברהם אבינו, אבער עס איז ניתן להאמר אז נח האט אויך מקיים געווען מצות מילה. רש"י (בראשית ז-ב) זאגט, אז נח האט געלערנט תורה, ער האט געוואוסט וועלכע איז א בהמה טהורה, און וועלכע איז א בהמה טמאה. און אז ער האט געלערנט, האט ער געוואוסט אז עס וועט אמאל זיין א מצוה פון מילה, און ער האט פארשטאנען די קדושת המילה. עס איז דא א מדרש (תנחומא נח ה), אז נח איז נולד מהול, האט ער דאך מקיים געווען מצות מילה. ווען א מענטש איז מקיים מצות מילה, האט ער דעם כח אז ער זאל קענען האלטן זיין שטוב.

**מצות** מילה ווערט אנגערופן אין די תורה 'תמים', ווען דער אייבערשטער האט מצווה געווען אברהם אבינו אויף די מצוה פון מילה, שטייט אין פסוק (בראשית יז-א) התהלך לפני, זיי מקיים מצות מילה, והיה תמים, וועסטו זיין א תמים. זאגט דער פסוק, אלה תולדות נח, נישט נאר נח אליין איז געבליבען, נאר אויך די תולדות פון נח זענען געבליבען. ווי אזוי קען זיין אז נח מיט זיינע דורות זענען געבליבען אן איש צדיק, ווייל 'תמים' היה בדורותיו, אין זיינע דורות איז ער געווען דער איינציגסטער וואס האט געהאט אויף זיך די מצוה פון מילה, וואס ווערט אנגערופן תמים. און אז מען האט קדושת המילה, האט מען דורך דעם זיך געקענט מתגבר זיין, אפילו אין א דור המבול.

**מיר** האבען היינט אויך א דור המבול, און אפשר נאך ערגער פון וואס עס איז געווען דעמאלטס. א מזל אז עס איז דא א קשת פונעם אייבערשטען, אז ער וועט נישט ברענגען נאכאמאל א כליון אויף די וועלט. די נסיונות זענען זייער גרויס. אבער ווען מען איז מקיים אין א קינד די מצוה פון מילה, גיט מען מיט דעם א כח, אז אין אלע שווערע מצבים זאל מען זיך קענען האלטן ערליך בקדושה.

*

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם יעקב ראטה** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת אייגער ע"ה (אלמנת הר"ר **אהרן אייגער** ע"ה).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **מאיר זאב גאלדבערגער** הי"ו, עב"ג של בן הר"ר **סיני קויפמאן** הי"ו, שהתקיים באולם די פאלאס. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת הכנסת ספר תורה שנכתבה על ידי קהל אור החיים, לע"נ רבם **הגה"צ רבי אברהם חיים שפיטצער זצ"ל**, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

*

***יום שני פרשת נח***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של הר"ר **ישכר ראטה** ע"ה, שהתקיים לפני ביהמ"ד טורקא.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת גליק ע"ה (אלמנת הר"ר **אלי' גליק** ע"ה).

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **יהושע וויינשטאק** הי"ו שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של החתן **יצחק פאלל** ני"ו (בן הר"ר **חיים פאלל** הי"ו), עב"ג בת הר"ר **בנימין פישמאן** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של בן הר"ר **אברהם יואל פראמאוויטש** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הרה"ג רבי **יצחק זלמן גיפס** שליט"א דומ"ץ דבית מדרשנו ברכת אברהם, עב"ג בן הר"ר **שמעון רייכמאן** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **נחמיה כ"ץ** הי"ו, שהתקיים באולם פערעדייס מענאר, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**אלה** תולדות נח, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, נח איז געווען א צדיק תמים, את האלקים התהלך נח, נח איז געגאנגען מיטן אייבערשטען. דער **בעל הטורים** ברענגט צו, אז די סופי תיבות פון די דריי ווערטער האלקי'ם התהל'ך נ'ח איז חכ"ם. וואס איז דער רמז וואס דער פסוק זאגט דא, אז נח איז געווען א חכם.

**שפעטער** ווען דער אייבערשטער האט גערעדט צו נח, שטייט אין די פרשה, אז דער איבערשטער האט אים געזאגט, כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה, און עס שטייט נישט דא אין די פרשה, אז ער איז

געווען א צדיק תמים בדורותיו. פארוואס שטייט דא, אז ער איז געווען א צדיק תמים, און ווען דער אייבערשטער האט גערעדט צו אים, האט אים דער אייבערשטער געזאגט כי אותך ראיתי צדיק לפני. רש"י ברענגט צו, און עס שטייט שוין אזוי אין די גמרא (עירובין יח:), אז מקצת שבחו של אדם בפניו, וכולו שלא בפניו. בפניו, ווען דער אייבערשטער האט גערעדט פערזענליך צו נח, זאגט מען נאר מקצת שבחו, האט ער געזאגט כי אותך ראיתי צדיק לפני, ער האט נישט מזכיר געווען זיין גאנצן שבח. אבער ווען די תורה רעדט צו אונז, זאגט די תורה אז ער איז געווען א צדיק תמים.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בראשית רמז.) זאגט, אז נח איז געווען אראפגעזעהן ביים גאנצן דור. נח איז געווען איין צדיק אין די גאנצע וועלט, קיינער איז נישט ניצול געווארן ביים מבול נאר נח. א וועלט וואס איז געווען מלאה הארץ חמס, א וועלט וואס איז געווען השחית כל בשר את דרכו על הארץ, און נאר נח מיט די קינדער האבן זיך געהאלטן ערליך אויף די וועלט, וואס האט זיין דור געזאגט אויף אים? ער איז א תמים, ער איז א פארצייטישער מענטש, ער איז פונעם פריערדיגען דור, ער איז צוריקגעבליבען, ער האט נישט קיין שכל צו פארשטיין די היינטיגע וועלט, און נאכצוגיין נאך די תענוגים פון די וועלט. אזוי ווי די משכילים האבן אייביג געזאגט אויף די ערליכע יודען, אז זיי זענען צוריקגעשטאנען. דער זיידע איז נישט געווען אזא גרויסער חכם, און דער עלטער זיידע איז געווען נאך א קלענערער חכם, כל מה שמזקינין, ווי מער מען גייט צוריק, טפשות נתוספת בהן (שבת קנב.). ווי גרעסער און עלטער דער זיידע איז געווען, האט מען אלץ געזאגט אז עס איז מתטפשות, אזוי זענען זקני עם הארץ. זיי האבן געזאגט אז נח איז א תמים, ער האט נישט קיין שכל צו פארשטיין די היינטיגע וועלט, און וועגן דעם פירט ער זיך אזוי. דאס האט נאר געזאגט די וועלט. אבער דער אייבערשטער האט נישט געזאגט אז ער איז א תמים, דער אייבערשטער האט געוויסט, אז צו זיין ערליך, איז א חכמה פון א מענטש.

**נח** האט געהאט איין טיטעל, ער איז געווען אן איש צדיק. אבער תמים היה בדורותיו, אין זיינע דורות האט מען געהאלטן אז ער איז א תמים, אזוי שטייט אין מדרש (ב"ר ל-ז) אז מען האט אים מבזה געווען, מען האט אים גערופן דער אלטער נאר. ווען דער אייבערשטער האט גערעדט צו נח פערזענליך, האט אים דער אייבערשטער נישט געזאגט אז ער איז א תמים, ווייל דער אייבערשטער האט געהאלטן אז נח איז א צדיק, כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה. נאר תמים היה בדורותיו, די דורות האבן אים אנגעקוקט פאר א תמים.

**שטעלט** זיך די שאלה, ווי אזוי קען טאקע א מענטש אדורכגיין א וועלט ווי דער דור המבול, און זיך האלטן ערליך. און נישט נאר ער, נאר אויך זיינע קינדער האט ער אזוי מחנך זיין. זיינע קינדער זענען אויך מיטגעגאנגען מיט אים אין די תיבה, איז דאך א סימן אז זיי זענען געווען ערליך, און זיי האבן נישט געהאט קיין חברים וואס האבן זיך אויפגעפירט אזוי ווי זיי, און זיי האבן זיך געהאלטן ערליך. וואס האט געהאלטן נח, אז ער איז נישט געפאלען געווארן פון דעם וואס מען האט געזאגט אויף אים אז ער איז א תמים.

**דער** תירוץ דערויף איז, ווען א מענטש ווייסט אז דער וועלט איז הבל, הבלי עולם הזה, ווי שלמה המלך האט געזאגט, הבל הבלים אמר קהלת וגו' הכל הבל, מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש (קהלת א-ב), א מענטש טוט גארנישט אויף די וועלט, עס איז א דורכגאנג, די וועלט איז נאר געמאכט געווארן אדורכצוגיין און אנקומען צום עולם הבא. די ציל פון א יוד איז, צוצוקומען צו עולם הבא, יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא, מכל חיי עולם הזה (אבות ד-יז), פאר אן ערליכער יוד ווארט אסאך און אסאך מער פון עולם הזה. און אז מען דארף זיך פלאגען דערויף, איז עס כדאי. וויפיל פלאגט זיך א מענטש אויף זיין פרנסה, ער זאל פארדינען אפאר דאלער, פארוואס זאל ער זיך נישט פלאגען אויף די וועלט, כדי ער זאל זוכה זיין צו חיי עולם הבא, וואס מיר האבן נישט א השגה דעם גרויסען תענוג וואס דאס איז. ווען א מענטש קוקט נישט מיט א בליק אויף וואס איז יעצט, נאר ער קוקט מיט א ווייטערן בליק, וואס איז שפעטער, אז ווען מען וועט אוועקגיין פון די וועלט, וועט מען זוכה זיין אז ער וועט באקומען

חיי עולם הבא אויף וואס ער האט געטון, גייט ער אדורך דאס לעבן גרינג. מען ווערט נאר פארבלענדט פון דעם וואס מען זעהט פאר די אויגן, און וועגן דעם פאלט מען אדורך, אבער ווען א מענטש טראכט אריין מיט התבוננות, ווייסט ער אז דער עיקר איז עולם הבא.

**יודען** ווערן אנגערופן אן עם חכם ונבון (דברים ד-ו). פארוואס הייסען יודען א קלוג פאלק. אויסער דעם וואס זיי זענען טאקע קלוגער פון אנדערע אומות העולם, אבער עס איז דא קלוגע גוים אויך, תורה בגוים אל תאמין אבל חכמה בגוים תאמין (איכ"ר ב-יג). יודען הייסען אן עם חכם ונבון, ווייל איזהו חכם, א חכם איז טייטש, הרואה את הנולד (אבות ב-יג). א חכם לעבט נישט מיט וואס ער זעהט יעצט, נאר מיט וואס עס וועט קומען שפעטער, דאס איז די מדרגה פון א חכם. א נאר זעהט וואס יעדער זעהט, אבער א חכם זעהט וואס אנדערע זעהן נישט. ער איז א רואה את הנולד, א זאך וואס עס איז נאכנישט דא. יודען זענען אן עם חכם ונבון, זיי זעהן עולם הזה, אבער זיי קוקען מיט א בליק שפעטער, און דער בליק שפעטער איז, אז מען וועט זוכה זיין צו חיי עולם הבא. און עס איז כדאי מוותר צו זיין אויף אן עולם עובר, פאר א עולם עומד. די וועלט איז א פארגענגליכע וועלט, און חיי עולם הבא איז א חיים נצחיים.

**דאס** וואס נח האט געקענט זיין א איש צדיק תמים, אויסוואקסען א צדיק תמים, בדורותיו, אין אזא דור ווי ער האט געלעבט, און פון דעסטוועגן דאך האט ער זיך געהאלטן ערליך, דאס איז ווייל את האלקי'ם התהל'ך נ'ח, וואס די סופי תיבות איז חכ"ם. ווייל ער איז געווען א חכם הרואה את הנולד, ער האט נישט געקוקט אויף וואס עס טוט זיך יעצט, נאר ער האט געקוקט וואס עס וועט זיין שפעטער.

*

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** (עם השטריימעל) אצל החתונה של נכדת ש"ב הר"ר **ישראל פריעדמאן** הי"ו (החתן הגה"צ אב"ד קטמון זצ"ל), שהתקיים באולם די פאלאס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **יצחק פאלל** נ"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שלישי פרשת נח***

אחר תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **נחמיה כ"ץ** הי"ו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אברהם יואל פראמאוויטש** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סקולען. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום רביעי פרשת נח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להישיבה גדולה למסור שיעורו היומי (בשו"ע או"ח הל' מוקצה). אחר מנחה עברו הבחורים לברכת שלום עליכם.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יוסף ווייס** ע"ה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **נתן נפתלי הורוויץ** שליט"א רב דביהמ"ד אור יחזקאל (כ"פ), עב"ג בת הרה"ג רבי **יחיאל ברוך געללער** שליט"א דומ"ץ דביהמ"ד באבוב וומסב"ג, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום חמישי פרשת נח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ומסר שיעורו היומי, אחר כך מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **ישראל פריעדמאן** הי"ו (כ"פ, בן הר"ר **אברהם**

פריעדמאן ע"ה), עב"ג בת הר"ר **שלום יוסף אבערלאנדער** הי"ו (מאנסי), שהתקיים באולם שע"י ביהמ"ד פאפא.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת פרשת נח***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לבית המדרש אמונת ישראל, ונתכבד בעמידה לברכות אצל הברית של בן הר"ר **אפרים דואיק** הי"ו.

אחר כך התקיים הברית של בן הר"ר **שלמה יצחק טובל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***שבת קודש פרשת נח***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק מרוזין זי"ע**, שיומא דהילולא חל ביום ההוא. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **עמרם הירש** הי"ו, והיה הבאווארפן של החתן **עזריאל יהודא** בן הר"ר **אברהם שטערן** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **דוד גאלדבערגער** ע"ה.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ראכליץ ע"ה (אלמנת הר"ר **יוסף שמואל ראכליץ** ע"ה).

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** פון וואו זענט איר פון דערהיים.

**א' מהאבלים:** מיר זענען אייניקלעך פונעם **שבילי דוד**. דער **שבילי דוד** האט געהאט צוויי זון, דער **מעשי למלך**, און אונזער זיידע רבי בנציון זילבערשטיין ז"ל.

**רבינו:** דער **שבילי דוד** איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, און ער האט מיטגענומען די קליינע קינדער. עס איז געווען א זעלטענהייט, ווייל אויף ארץ ישראל זענען דעמאלטס געפארן נאר עלטערע יודען, וואס האבען געוואלט אויסלעבן די יארן, אבער א יונגערמאן מיט קליינע קינדער, איז נישט געפארן. און ווען ער איז געפארן, האט זיך גע'רעש'ט אז ער פארט ארויף קיין ארץ ישראל. און נאך אפאר יאר איז ער צוריקגעקומען.

**א' מהאבלים:** פארוואס איז ער צוריקגעקומען?

**רבינו:** די וועלט זאגט אז ער האט געזעהן אז זיין זון רבי ישעי', דער **מעשי למלך**, וואקסט אונטער א ספעציעלער קינד, און ער וועט אויסוואקסען א גדול בישראל, און ער האט פארשטאנען אז אין ירושלים וועט ער פארוואסערט ווערן, איז ער צוריקגעפארן, ווייל ער האט געהאלטן אז אין אונגארן קען ער מער אויפטון ווי דארט.

איך האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז דער **שבילי דוד** האט זיך שפעטער געטראפן מיטן **קול אריה**, און דער **קול אריה** האט אים געזאגט, אז די וועלט חידוש'ט זיך, מעיקרא מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר, איר זענט ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, און נאכדעם זענט איר צוריקגעקומען. האט דער **קול אריה** געזאגט, איך וועל אייך זאגען די הסבר דערפון. די גמרא (ב"ב קנח:) זאגט, אוירא דארץ ישראל מחכים, האט איר געוואלט פארן קיין ארץ ישראל זוכה זיין צו די חכמה פון ארץ ישראל. ווען איר זענט אנגעקומען אהין זענט איר געווארן קלוגער, און איר האט איינגעזעהן אז דא איז בעסער, זענט איר צוריקגעקומען.